גליון ד' למעשה
ערש"ק פר' בהעלותך תשפ"א

הגליון נערך לע"נ מרת **לאה חי'** בת ר' אברהם ע"ה **ניימאנן**

# א מחי'!

16 טיפס פאר א
**געשמאקע**
אידישע לעבן

בפיקוח הרה"ג דומ"ץ טאהש מאנסי שליט"א

**נישט צום לייענען אין שב"ק**

## זיי רייך - אכט 'סטעפס' צו טון למעשה

**1. שגע ארויס!** צעשנייד דיין קרעדיט קארטל. בארגן געלט איז געמאכט נאר פאר עמערדזשענסי פעלער, און אויך נאר ווען מען האט א געהעריגער פלאן ווי אזוי עס צוריק צו צאלן. עס איז גענוג אז דו מוטשעסט זיך יעצט, א שאד דו זאלסט שוין אוועק "סווייפען" די געלט וואס דו גייסט פארדינען נעקסטע חודש. כאפצעם, באקלאפצעם, אוןווארפטס אים ארויס.

**2. מכאן ואילך חושבנא:** נעם די בודזשעט טבלא, וואס איז בייגעלייגט ביים סוף פון דעם ארטיקל, און פיל אריין וויפיל דו קענסט. איר קענט עס טון באקומען אין עקסעל פארמאט דורכ'ן זיך פארבינדן מיטן מערכת.

לתועלת המשל וועלן מיר זיך האלטן צו די דוגמא וואס איז געווען אינעם ארגינעלע גליון.

| | |
|---|---|
| מעשר | $850.00 |
| רענט | $2,700.00 |
| שכ"ל | $1,300.00 |
| גראסערי | $1,350.00 |
| גויטע | $400.00 |
| לעקטער | $425.00 |
| קאר ליעס | $325.00 |
| געז | $180.00 |
| שאר ירקות | $300.00 |
| וואסער | $110.00 |
| קאר אינשורענס | $115.42 |
| שבת פיש | $105.00 |
| קאר סערוויס | $95.00 |
| לייף אינשורענס | $100.00 |
| היים טעלעפאון | $53.00 |
| סעלפאון | $42.76 |
| ס"ה עקספענסעס | $8,451.18 |

אויב דיינע הכנסות זענען מער ווי דיינע הוצאות, לייין ווייטער. אויב נישט קוק שפעטער אין א באזונדערן קעסטל.

**א שאד דו זאלסט שוין אוועק "סווייפען" די געלט וואס דו גייסט פארדינען נעקסטע חודש. כאפצעם, באקלאפצעם, און ווארפטס אים ארויס!**

### 3. געלט אין באנק:

מאך א ליסטע פון דיינע ׳סטעדי׳ הוצאות, ווי רענט, שכ״ל, לעקטער, וכו׳ וואס מען קען אנשטעלן עס זאל גיין אליין פון באנק, אדער דורך הער-טשעקס. ביי אונזער דוגמא:

| | | |
|---|---|---|
| מעשר | $850.00 | |
| רענט | $2,700.00 | ✓ |
| שכ״ל | $1,300.00 | ✓ |
| גראסערי | $1,350.00 | |
| גויטע | $400.00 | |
| לעקטער | $425.00 | ✓ |
| קאר לייס | $325.00 | ✓ |
| געז | $180.00 | |
| שאר ירקות | $300.00 | |
| וואסער | $110.00 | ✓ |
| קאר אינשורענס | $115.42 | ✓ |
| שבת פיש | $105.00 | |
| קאר סערוויס | $95.00 | |
| לייף אינשורענס | $100.00 | ✓ |
| היים טעלעפאון | $53.00 | ✓ |
| סעלפאון | $42.76 | ✓ |
| ס״ה | $8,451.18 | |

לויט דעם דוגמא, דארף מען לייגן/לאזן $5,171.18 יעדן חודש אין באנק. קיין פעני מער.

### 4. די ענוועלאפ סיסטעם:

נעם א פעקל ענוועלאפס, און באשטים א באזונדערן ענוועלאפ פאר יעדע איינס פון די איבריגע זאכן, וואס גייט נישט גיין אויטאמאטיש דורך די באנק. לויט אונזער דוגמא דארף זיין 7 ענוועלאפס.

1. מעשר - $850.00
2. גראסערי - $1,350.00
3. גויטע - $400.00
4. געז - $180.00
5. שאר ירקות - $300.00
6. שבת פיש - $105.00
7. קאר סערוויס - $95.00

מען לייגט אריין אין יעדע ענוועלאפ די פונקטליכע סומע וויפיל מ׳דארף, אין קעש. מיט אט די גרינע דאלארן גייט מען באצאלן די אלע זאכן. ווען מען גייט אין גראסערי, נעמט מען מיט די ״גראסערי ענוועלאפ״, און מען צאלט מיט דעם. די ״געז ענוועלאפ״ האלט מען אין קאר (פארשפארט אדער באהאלטן). גלייבט מיר, עס ספענד זיך אסאך שווערער ווען מען צאלט מיט גרינע. ספעציעל אויב מען זעט אז די ענוועלאפ איז שוין דאר געווארן...[1]

די ענוועלאפ סיסטעם זעט אויס קאמפליצירט, אבער איינמאל מען געוואוינט זיך צו דערצו, איז עס זייער גרינג און געשמאק.

### 5. מאטראץ אקאונט:

בלייבט נאך יעצט איבער פונקטליך $48.42. נעם די געלט און לייג עס אונטער׳ן מאטראץ חודש נאך חודש ביז עס וואקסט צו $1,000. די סיבה פון די אקאונט איז צווייפאכיג. ערשטנס: פשוט דיר צו ווייזן אז דו קענסט יא אוועקלייגן געלט! צווייטנס, אז ווען עס מאכט זיך אן אומערווארטעטע גרויסע הוצאה, ווי למשל די וואש מאשין איז געגאנגען שלאפן, זאלסטו זיך נישט טרעפן צוריק אין לאך. נוץ פון דעם ״מאטראץ אקאונט״ עס אויסצוצאלן. און תיכף נאכדעם קנאק אריין אין דעם פרישע געלטער ביז עס קומט נאכאמאל אן צו טויזנט דאלער. דא איז איך די פלאץ אריינצולייגן איינמאליגע הכנסות, ווי טעקס ריטורן וכדו׳. איינמאל דו האסט דארט ליגן טויזנט דאלאר, קענסטו גיין צום קומענדיגן נומער.

### 6. באצאלן חובות:

מאך א ליסטע פון אלע חובות וואס דו האסט אויסער דיין מארטגעדזש. שטעל עס אויס אין א רייע פון די קלענסטע ביז די גרעסטע. למשל:

| | |
|---|---|
| אויפגעשריבן אין גראסערי | $576 |
| משה יענקל | $1,000 |
| קרעדיט קארטל איינס | $1,354 |
| קרעדיט קארטל צוויי | $5,634 |
| גמ״ח הלוואה | $7,000 |
| ס״ה | $15,654 |

אמת, עס פילט זיך שרעקעדיג צו מאכן א חשבון וויפיל מען איז אלס שולדיג, אבער איינמאל מען מאכט דעם חשבון, פילט מען ווי א שטיין איז אראפ פון קאפ. מען ווייסט כאטשיג וואו מען שטייט אויף דער וועלט.

יעצט אז דו ווייסט שוין אז דו קענסט אוועקלייגן געלט, הייב אן אריינקנאקן אין די חובות. יעדע חוב אויסער די קלענסטע, זאלסטו צאלן נאר וויפיל דו מוזט, די מינומום פעימענ״ט. קנאק אריין אינעם קלעסטן חוב ביז עס איז אויסגעצאלט. ווען דער קלענסטער איז פארטיג, וועט עס דיר געבן א מורא׳דיגע חשק צו גיין ווייטער צום נעקסטן. ביז אלעס וועט זיין אויסגעצאלט בס״ד.

### 7. לייג אוועק:

יעצט ווען אלע חובות איז שוין אפגעצאלט, איז צייט צו לאזן וואקסן דעם ״מאטראץ אקאונט״. עס איז מסתבר אז אן אחריות׳דיגער מענטש זאל האבן כאטשיג איין חודש פון הוצאות אוועקגעלייגט, אויב ח״ו מען פארלירט א דזשאב וכדו׳. אזוי אויך, אויב פלאנסטו צו מאכן בר מצוה אדער חתונה אין די נעקסטע 5 יאר, לייג אוועק פאר דעם אויך. אז נישט וועסטו זיך שנעל צוריק אריינזען אין דעם לאך פון וואס דו ביזט קוים מיט צרות ארויסגעקראכן דערפון. די געלט קען מען לייגן אין א סעיווינגס אקאונט וואס געבט עפעס א פראצענט אויף די געלט. אבער בשום אין אופן אין אן אינוועסטמענט. די געלט דארף זיין עוועילעבל צו יעדע צייט.

### 8. ביזט רייך!

ווען דו קומסט אן דא, ביסטו פון די 1% מענטשן וואס זענען רייך און רואיג. דיין געלט וואס דו מאכסט יעצט קענסטו אנפאנגען צו אינוועסטירן. אבער ווילאנג דו האסט נאכנישט גענוג געלט צו חתונה מאכן דיינע קינדער, דארף דאס דוקא זיין אין הונדערט פראצענט פארזיכערטע אינוועסטמענטס. שפעטער קען מען שוין טראכטן פון ריעל עסטעיטס, מיוטשעל פאנדס וכדו׳.

דאס איז די גאנצע סיסטעם. בעצם איז נאך דא פרטים און פרטי פרטים, אבער דאס איז בבחינת תן לחכם ויחכם עוד. דאס איז זיכער, אז עס נישטא די תירוץ ׳ביי מיר וועט עס נישט ארבעטן׳. היימישע עקספערטן זענען עדות, אז דאס ארבעט ביי יעדעם איינעם, נאר מען דארף אמאל דרייען אביסל אהער און אביסל אהין. אבער דאס ארבעט ביי יעדעם, אפילו ביי דיר.

1 אויך קען מען האלטן אפאר דאלער אין טאש, לאמיר זאגן א פופציגער. ווען עס מאכט זיך אז דו גייסט קויפן א ברויט אויפ׳ן וועג אהיים פון די ארבעט וכדו׳, שרייב דיר אויף וויפיל דו האסט געצאלט, און פאר וועלכע ענוועלאפ דו האסט עס פארבארגט, און ווען דו קומסט אהיים זאלסטו תיכף ארויסנעמען די געלט פון יענע ענוועלאפ. אין טאש מוז יעדע נאכט זיין צוריק א גאנצע פופציגער.



א מחי׳! 16 טיפס פאר א געשמאקע אידישע לעבן

# מיין בודזשעט שטימט נישט, מיין הוצאות זענען מער ווי מיינע הכנסות!

עס איז נאר דא איינס פון צוויי וועגן:
1) גרעסער מאכן די הכנסות, אדער
2) קלענער מאכן די הוצאות. פשוט.
בארגן געלט ווען מען דעקט נישט דעם בודזשעט איז נאריש. ווייל יעצט וועסטו נעקסטע חודש נישט נאר דארפן דעקן די הוצאות, נאר אויך די הלוואה. איז דען דא א מער טיפשות'דיגע חשבון ווי דעם?

## קלענער מאכן די הוצאות

- דער חלק איז זייער פשוט. גיי דורך דיינע הוצאות איינס ביי איינס, און זעה אויב דו קענסט עס קלענער מאכן. אפשר קענסטו באקומען א בעסערע פרייז אויף עפעס. אפשר קענסטו גיין אין א גראסערי וואס איז אביסל ביליגער. אפשר קענסטו קויפן פלייש ווייניגער מאל א וואך, וכו' וכו' וכו'.

## גרעסער מאכן די הכנסה

- **ארבעט געטריי:** עס זענען דא טויזנטער סגולות פאר פרנסה, אבער די ערשטע זאך וואס א יוד טוט איז קוקן אין שלחן ערוך. אין שו"ע שטייט אז א יוד דארף זיך אויפפירן ווי יעקב אבינו. כאטש ער האט געהאט א בעה"ב א חי' רעה, האט ער געארבעט פאר אים מיט מסירת נפש. זיך געבראטן אין די זון און געפרוירן אין די נעכט, אלעס נאר אפצוהיטן לבן'ס שעפלעך די בעסטע וואס איז שייך. אין אמעריקע איז אנגענומען צו ארבעטן פערציג שעה א וואך, אריינגערעכנט א האלבע שעה 'לאנטש' פער טאג. די צאל שעות איז א יוד מחויב צו ארבעטן פאר זיין בעה"ב ממש די מערסטע וואס מעגליך. דער מחבר שרייבט אז אין דעם זכות וועט דער אויבערשטער אריינשיקן פרנסה בריוח (חושן משפט סי' של"ז סע' כ').
- **מעשר:** פרעג דיין רב/דיין לגבי נוצן א חלק פון דיין מעשר פאר דיר. שייך ערליך אפ מעשר, און נוץ א חלק פון די צדקה, צו מפרנס זיין אן ארימע משפחה וואס איז זייער נאנט צו דיר, דיין משפחה. עס זענען דא וואס פסק'נען אז מען מעג אפילו וועלקלייגן מעשר געלט אויף צו חתונה מאכן די קינדער. בשעת'ן אפשיידן די מעשר, לייג אריין א תפלה אז דו זאלסט בקרוב קענען געבן די גאנצע פאר צדקה געהעריג.
- **נעם צדקה:** פרעג זיך נאך וועגן צדקה ארגאניזאציעס אין דיין קהלה/שטאט. ווייז פאר'ן גבאי צדקה דיין בודזשעט (נאכן עס האלטן פאר כאטשיג א חודש) און ווייז אים וויפיל דיין לאך איז. ווי אויך, אין אסאך היימישע געגנטער איז דא תומכי שבת ארגאניזאציעס וואס שיקן שבת פעקלעך. דאס קען שניידן דיין גראסערי עקספענסעס צו א פערטל. אי"ה אז דו וועסט זיך האלטן צום דעם סיסטעם, וועסטו בדרך הטבע קענען שפעטער זיין פון די נדבנים, אבער אויפ'ן מינוט דארפסטו צוקומען צו דעם. זיין א לוה רשע ולא ישלם איז נישט קיין אַפּשען.

**מוטב להקרא שוטה כל ימיו ולא ליעשות שעה אחת רשע לפני המקום.**

היימישע עקספערטן און ארגאניזאציעס וואס העלפן ארויס מיט בודזשעטינג:

| | | | |
|---|---|---|---|
| Tauber Solutions | 845-322-6500 | office@taubersolutions.com | מאנסי |
| RSK | 845-414-8001 | finances@rsk.org | מאנסי |
| Mesila | 212-784-6780 | info@mesilausa.org | פארשידענע געגענטער |
| קרן עזר | 718-384-4455 | | וויליאמסבורג |

אויב ווייסט איר פון נאך עקספערטן/ארגאניזאציעס וואס טוען דאס, ביטע זיך פארבינדן מיטן מערכת.

| **Income** **Total Income** | Frequency | Amount | Monthly | Yearly |
|---|---|---|---|---|
| Salary/Wages | Yearly | | | |
| Salary/Wages | Monthly | | | |
| Section 8 | Monthly | | | |
| Food Stamps | Monthly | | | |
| Wic | Monthly | | | |
| Tax Return | Yearly | | | |
| Other | Yearly | | | |
| Other | Monthly | | | |

**Expenses** **Total:** ________

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| **Housing** | | | | |
| Rent/Mortgage | Monthly | | | |
| Electric | Monthly | | | |
| Gas | Monthly | | | |
| Water | Monthly | | | |
| Phone | Monthly | | | |
| Internet | Monthly | | | |
| Garbage Taxes | Yearly | | | |
| Landscaping | Yearly | | | |
| Snow Removal | Yearly | | | |
| Maintenance | Yearly | | | |
| Cleaning Help | Weekly | | | |
| Insurance | Yearly | | | |
| Property | Monthly | | | |
| Fire & Damage | Yearly | | | |
| Furniture | Yearly | | | |
| Other | Monthly | | | |
| **Household** | | | | |
| Food | Weekly | | | |
| Dining/Take Out | Monthly | | | |
| Cell Phone | Monthly | | | |
| Clothing/Shoes | Quaterly | | | |
| Cleaners | Weekly | | | |
| Spouse | Yearly | | | |
| Children | Yearly | | | |
| Supplies | Monthly | | | |
| **Auto** | | | | |
| Lease/Finance | Monthly | | | |
| Insurance | Monthly | | | |
| Gas | Weekly | | | |
| Ezpass | Monthly | | | |
| Oil Change/Car Wash | Quaterly | | | |
| Registration | Yearly | | | |
| Inspection | Yearly | | | |
| Lisence Renewal | Yearly | | | |
| Tickets | Yearly | | | |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| **General** | | | | |
| Tuition | Monthly | | | |
| Transportation | Monthly | | | |
| Car Service | Monthly | | | |
| Entertainment | Monthly | | | |
| צדקה | Monthly | | | |
| מקוה | Monthly | | | |
| Petty Cash | Monthly | | | |
| **Health** | | | | |
| Life Insurance | Monthly | | | |
| Health/Dental Ins. | Monthly | | | |
| Disability Ins. | Monthly | | | |
| Long Term Care | Monthly | | | |
| Vitamins | Monthly | | | |
| Medications | Monthly | | | |
| Glasses/Lenses | Monthly | | | |
| Other | Monthly | | | |
| **Travel & Entertainment** | | | | |
| Country | Yearly | | | |
| Camp/Day Camp | Yearly | | | |
| Vacation | Yearly | | | |
| Events | Yearly | | | |
| Subscriptions | Monthly | | | |
| Memberships | Monthly | | | |
| **Finance** | | | | |
| Savings | Monthly | | | |
| Savings | Monthly | | | |
| Credit Card | Monthly | | | |
| Credit Card | Monthly | | | |
| Credit Card | Monthly | | | |
| Loan | Monthly | | | |
| Accountant | Yearly | | | |
| Financial Planning | Monthly | | | |
| Investment | Yearly | | | |
| Retirement Account | Yearly | | | |
| **Long Term Funds** | | | | |
| Emergency Fund | Yearly | | | |
| יום טוב Funds | Yearly | | | |
| פסח | Yearly | | | |
| שבועות | Yearly | | | |
| סוכות | Yearly | | | |
| פורים | Yearly | | | |
| חנוכה | Yearly | | | |
| חתונה Fund | Yearly | | | |
| בר מצוה Fund | Yearly | | | |
| שייטל Fund | Yearly | | | |
| Gifts Fund | Monthly | | | |


# מכון א מחי'!

אימעיל:
**Mechon.A.Mechayeh@gmail.com**

פעקס:
**845.777.8015**

זייט מחי' הונדערטער אידישע קינדער! ערמעגליכט צו פארשפרייטן דעם קומענדיגן גליון אין פרינט. ומתן שכרו בצדו א ספעציעלע
שיינע באנוס גליון מיט נאך שיינע ענינים און מכתבים למערכת וואס האבן נישט געהאט קיין פלאץ אינעם געהעריגן גליון.

**די גליון קומט ארויס פון צייט צו צייט אויף אימעיל, צו באקומען שיקט Subscribe צו Mechon.A.Mechayeh@gmail.com**

**פיינע נייעס! איר קענט שוין אויסהערן די מחי'דיגע יסודות, זאפטיג אראפגעלייגט אויף קול הלשון. 7* 718.521.5231 און נאך דעם 998606**